


# פאליסי אויף די רעכטן פון ארבעטער צו פאמפ'ן ברוסט מילך

## אינעם ארבעטספלאץ

## אריינפיר און צוועק

אפטיילונג 206-c פון די ניו יארק סטעיט ארבעט געזעץ געבט פאר אלע ארבעטער אין ניו יארק דעם רעכט צו פאמפ'ן ברוסט מילך אין דעם ארבעטספלאץ. די געזעץ איז גילטיג פאר אלע פאבליק און פריוואטע ארבעטסגעבער אין ניו יארק סטעיט, אפגעזען פון מאס אדער נאטור פון זייער ביזנעס.

דער ניו יארק סטעיט דעפארטמענט און לעיבאר האט אנטוויקלט דעם אפיציעלן פאליסי אויף פאמפ'ן ברוסט מילך אין דעם ארבעטספלאץ אזוי ווי פארלאנגט דורכ'ן געזעץ, צו פארזיכערן אז אלע ארבעטער ווייסן זייערע רעכטן און אז אלע ארבעטסגעבער פארשטייען זייער פאראנטווארליכקייטן. די פאליסי איז דער מינימום פארלאנגטע סטאנדארט, אבער ארבעטסגעבער ווערן געמוטיגט צו אריינרעכענען מער אקאמאדאציעס ספעציעל צו זייער ארבעטספלאץ.

מיט די אינפארמאציע צוגעשטעלט אונטן, וועלן ארבעטער לערנען וויפיל צייט זיי ווערן ערלויבט צו פאמפ'ן ברוסט מילך, די סארט פון פלאץ ארבעטסגעבער ווערן פארלאנגט צוצושטעלן פאר פאמפ'ן ברוסט מילך, ווי אזוי צו מעלדן ארבעטסגעבער וועגן דער געברויך פון פאמפ'ן ברוסט מילך אין דעם ארבעטספלאץ, און ווי אזוי צו מעלדן דעם דעפארטמענט און לעיבאר אויב די רעכטן ווערן נישט אויסגעפירט.

ארבעטסגעבער ווערן פארלאנגט צוצושטעלן די פאליסי שריפטליך פאר אלע ארבעטער ווען זיי ווערן אויפגענומען און נאכאמאל יעדע יאר דערויף. ארבעטסגעבער ווערן אויך פארלאנגט צוצושטעלן דעם פאליסי צו ארבעטער וויבאלד זיי קומען צוריק אין ארבעט נאכ'ן געבורט פון א קינד.

## נוצן פויזע צייט פאר פאמפ'ן ברוסט מילך

ארבעטסגעבער מוזן צושטעלן נארמאלע אומבאצאלטע פויזע צייט פאר זייערע ארבעטער צו פאמפ'ן ברוסט מילך. אין צוגאב, קענען ארבעטער אויך זיין ערלויבט צו נוצן זייער באצאלטע פויזע צייט אדער מאלצייט צייט צו פאמפ'ן ברוסט מילך. די צייט מוז ווערן צוגעשטעלט פאר ביז צו דריי יאר נאכ'ן געבורט. ארבעטסגעבער מוזן צושטעלן אומבאצאלטע פויזע צייט כאטש יעדע דרייי שעה אויב פארלאנגט דורך דעם ארבעטער. פונדעסטוועגן, איז דער צאל פון אומבאצאלטע פויזעס אן ארבעטסגעבער וועט דארפן צו פאמפ'ן ברוסט מילך פארשידנארטיג צו יעדע ארבעטער באזונדער און ארבעטסגעבער וועלן מוזן צושטעלן לאגישע פויזע צייטן באזירט אויפ'ן אינדיווידועל. ארבעטסגעבער זענען פארבאטן פון דיסקרימינירן אין סיי וועלכע וועג אנטקעגן אן ארבעטער וואס וועלט אויס צו פאמפ'ן ברוסט מילך ביים ארבעטספלאץ.

אן ארבעטער מוז ווערן ערלויבט צו ארבעטן פאר אדער נאך זייער געהעריגע שיפט אויפצומאכן סיי וועלכע צייט גענוצט אלץ אומבאצאלטע פויזע צייט צו פאמפ'ן ברוסט מילך, ווי לאנג דער צייט פאסט אריין אין דעם ארבעטסגעבער'ס געהעריגע ארבעטס שעות. פונדעסטוועגן, איז אן ארבעטער נישט פארלאנגט צו אויפמאכן זייער אומבאצאלטע פויזע צייט.

אלע ארבעטסגעבער מוזן ווייטער נאכקומען עקזיסטירנדע פעדעראלע און סטעיט געזעצן, רעגולאציעס, און ראט אנבאלאנגט באצאלטע און אומבאצאלטע פויזע צייט און מאלצייט צייטן אפגעזען אויב דער ארבעטער נוצן די צייט צו פאמפ'ן ברוסט מילך. פאר מער אינפארמאציע וועגן וואס באשטייט א מאלצייט צייט אפשניט אדער א פויזע צייט אפשניט אונטער סטעיט און פעדעראלע געזעץ, ביטע זעט די פאלגנדע ריסאורסעס:

- ניו יארק דעפארטמענט און לעיבאר וועבזייטל אויף טאג פון אפרו, פויזע צייט, און מאלצייט פעריאדן
  **dol.ny.gov/day-rest-and-meal-periods**
- ניו יארק דעפארטמענט און לעיבער FAQs אויף מאלצייטן און אפרו פעריאדן
  **dol.ny.gov/system/files/documents/2021/03/meal-and-rest-periods-frequently-asked-questions.pdf**
- U.S. דעפארטמענט און לעיבאר LFSA FAQ אויף מאלצייט און אפרו פעריאדן
  **dol.gov/agencies/whd/fact-sheets/22-flsa-hours-worked**
- U.S. דעפארטמענט און לעיבאר FLSA פאקט בלעטל אויף קאמפענסאציע פאר פויזע צייט צו פאמפ'ן ברוסט מילך
  **dol.gov/agencies/whd/fact-sheets/73-flsa-break-time-nursing-mothers**

כאטש אן ארבעטסגעבער קען נישט פארלאנגען אז אן ארבעטער זאל ארבעטן בשעת פאמפ'ן ברוסט מילך, טוט גארנישט אין לעיבאר געזעץ 206-c פארמיידן אן ארבעטער פון פרייוויליג אויסוועלן אזוי צו טון. די צייט געארבעט בשעת'ן פאמפ'ן ברוסט מילך מוז ווערן באצאלט.

אומבאצאלטע פויזעס צוגעשטעלט צו פאמפ'ן ברוסט מילך מוז זיין כאטש צוואנציג מינוט. פונדעסטוועגן, אויב דער באשטימטע לעקטעישאן צימער וואו דער פויזע דארף גענומען צו ווערן איז נישט נאנט צו אן ארבעטער'ס ארבעט סטאנציע, דאן מוז דער צוגעשטעלטע פויזע זיין כאטש דרייסיג מינוט. אן ארבעטער מוז ווערן ערלויבט צו נעמען א לענגערע אומבאצאלטע פויזע אויב נויטיג. ארבעטער קענען אויך אויסוועלן צו נעמען קלענערע אומבאצאלטע פויזעס.

ארבעטער וואס ארבעטן פונדערווייטנס האבן די זעלבע רעכטן צו אומבאצאלטע צייט אראפ פאר'ן צוועק פון פאמפ'ן ברוסט מילך, די זעלבע ווי די אנדערע ארבעטער וואס טוען זייער ארבעט אויפ'ן פלאץ.

## מאכן א פארלאנג צו פאמפ'ן ברוסט מילך ביים ארבעט

אויב אן ארבעטער וויל פאמפ'ן ברוסט מילך ביים ארבעט, מוזן זיי געבן פאר זייערע ארבעטסגעבער א לאגישע פריע מעלדונג, געווענליך איידער צוריקקומען צום ארבעטספלאץ אויב דער ארבעטער האט געפעלט. די פריע מעלדונג איז צו ערלויבן ארבעטסגעבער די צייט צו טרעפן א פאסיגע פלאץ און צופאסן סקעדזשולס אויב נויטיג.

ארבעטער וואס ווילן פארלאנגען א צימער אדער אנדערע פלאץ צו פאמפ'ן ברוסט מילך אינעם ארבעטספלאץ זאלן אזוי טון דורך אריינגעבן א געשריבענעם פארלאנג צו זייער הויפט אויפזעער אדער אינדיווידועל באשטימט דורך זייער ארבעטסגעבער פאר אויספירן פארלאנגען. ארבעטסגעבער מוזן ענטפערן צו די פארלאנג פאר א צימער אדער אנדערע לאקאציע צו פאמפ'ן ברוסט מילך שריפטליך אינערהאלב פינף טעג.

ארבעטסגעבער מוזן מעלדן אלע ארבעטער שריפטליך דורך אי-מעיל אדער געדריקטע נאטיץ ווען א צימער אדער אנדערע לאקאציע איז געווארן באשטימט פאר פאמפ'ן ברוסט מילך.

### לעקטעישאן צימער פארלאנגען

אין צוגאב צוצושטעלן אלע נויטיגע צייט דורכאויס דעם ארבעטסטאג, דארפן ארבעטסגעבער צושטעלן א פריוואטע צימער אדער צווייטע פלאץ פאר'ן צוועק פון פאמפ'ן ברוסט מילך. **די פלאץ צוגעשטעלט פאר פאמפ'ן ברוסט מילך קען נישט זיין א רעסטרום אדער בית הכסא שטוב.**

די צימער אדער אנדערע לאקאציע מוז:

- זיין נאנט צו אן ארבעטער'ס ארבעטס פלאץ
- צושטעלן גוטע נאטורליכע אדער ארטיפישעל ליכטיגקייט
- זיין פריוואט - סיי באשיצט פון זען און פריי פון אריינדרינגונג
- האבן אקסעסיביל, ריין לויפנדע וואסער דערנעבן
- האבן אן עלעקטראנישע אוטלעט (אויב דער ארבעטספלאץ איז צוגעשטעלט מיט עלעקטריטיטיצעט)
- האבן א בענקל
- צושטעלן א דעסק, קליינע טיש, דעסק, קאונטער אדער אנדערע פלאכע פלאץ

עס מוז נישט זיין א באזונדערע פלאץ פאר יעדע זייגנדע ארבעטער. אן ארבעטסגעבער מוז באשטימען אן איינצעלען צימער אדער אנדער לאקאציע פאר פאמפ'ן ברוסט מילך. אויב עס וועט זיין מער ווי איין ארבעטער אויף איין מאל וואס דארפן צוטריט צו א לעקטעישאן צימער, קען אן ארבעטסגעבער באשטימען א צענטראליזירטע לאקאציע צו ווערן באנוצט דורך אלע ארבעטער.

סיי וועלכע פלאץ צוגעשטעלט פאר פאמפ'ן ברוסט מילך מוז זיין נאנט צום ארבעט פלאץ פון די ארבעטער וואס נוצן די פלאץ. די פלאץ מוז זיין אין א ווייטקייט וואס מען קען גיין, און די ווייטקייט פון די לאקאציע זאל נישט ערנסט פארלענגערן אן ארבעטער'ס פארלאנגטע פויזע צייט.

ארבעטסגעבער וואס געפונען זיך אין מיטגעטיילטע ארבעט פלעצער, אזוי ווי אפיס געביידעס, מאללס און ענליכע פלעצער קענען ארבעטן צוזאמען צו אויפשטעלן און אויפהאלטן א באשטימטע לעקטעישאן צימער, ווי לאנג די פלאץ (פלעצער) זענען אין א לאגישע ווייטקייט פון דעם ארבעטער וואס נוצן דעם צימער. יעדע ארבעטסגעבער וואס נוצט די פאבליק פלאץ איז אינדיווידועל פאראנטווארטליך צו מאכן זיכער אז דער צימער קומט נאך די געברויכן פון זייערע ארבעטער.

אויב עס איז נישט דא א באזונדערע צימער אדער פלאץ אוועילעבל פאר לעקטעישאן, קען אן ארבעטסגעבער נוצן א ליידיגע אפיס אדער אנדערע אוועילעבל שטוב אויף א צייטווייליגן אופן. די צימער מוז נישט זיין אקסעסיבל צו די פאבליק אדער אנדער ארבעטער בשעת אן ארבעטער נוצט עס פאר פאמפ'ן ברוסט מילך.

אלץ א לעצטע מיטל, קען אן אווילעבל קיוביקל אויך ווערן גענוצט צו פאמפ'ן ברוסט מילך. א קיוביקל קען בלויז גענוצט ווערן אויב עס איז אינגאנצן ארומגענומען מיט אן אפטיילונג און איז נישט אקסעסיבל צום פאבליק אדער אנדערע ארבעטער בשעת עס ווערט באנוצט פאר פאמפ'ן ברוסט מילך. די קיוביקל ווענט מוזן זיין כאטש זיבן פיס הויך צו פארזיכערן דעם ארבעטער'ס פריוואטקייט.

צו פארזיכערן פריוואטקייט, אויב די לעקטעישאן צימער האט א פענסטער, מוז עס זיין באדעקט מיט א פירהאנג, בליינד אדער אנדערע צודעק. ווי אויך, מוז דער לעקטעישאן פלאץ האבן א טיר וואס האט א שלאס וואס ארבעט. אויב דאס איז נישט מעגליך (אין פאל פון א פילע אריינגענומענע קיוביקל), אלץ א לעצטע מיטל, קען אן ארבעטסגעבער נוצן א טאוול וואס מעלדט אז דער פלאץ איז אין באנוץ און איז נישט אקסעסיביל צו אנדערע ארבעטער אדער דער פאבליק.

אויב דער ארבעטספלאץ האט א פרידזשידער, מוזן ארבעטסגעבער ערלויבן ארבעטער עס צו נוצן צו האלטן ברוסט מילך. פונדעסטוועגן, איז דער ארבעטסגעבער נישט פאראנטווארטליך צו פארזיכערן אז דער מילך איז אפגעהיטן ווען עס ווערט געהאלטן אין סיי וועלכע פרידזשידער אינעם ארבעטספלאץ. ארבעטער ווערן פארלאנגט צו האלטן אלע אויסגעדריקע מילך אין פארמאכטע האלטערס און אהיימצוטראגן די מילך צו זייער הויז יעדן אוונט.

דאס פלאץ באשטימט פאר פאמפ'ן ברוסט מילך מוז ווערן אויפגעהאלטן און ריין אין אלע צייטן.

אויב אן ארבעטסגעבער קען אויפווייזן עקסטערע שוועריגקייט אין צושטעלן א פלאץ מיט די אויבנדערמאנטע פארלאנגען, מוז דער ארבעטסגעבער נאך אלץ צושטעלן א שטוב אדער אנדער לאקאציע - אויסער א רעסטרום אדער בית הכסא שטוב - וואס איז גענוג נאנט צום ארבעטספלאץ וואו אן ארבעטער קען אויסדריקן ברוסט מילך פריוואט, וואס קומט נאך ווי מער פון די פארלאנגען מעגליך. עקסטערע שוועריגקייט ווערט אויסגעטייטשט אינעם געזעץ אלץ "פאראורזאכן ערנסטע שוועריגקייט אדער אויסגאבן ווען באטראכט אין פארבינדונג צו מאס, פינאנציעלע ריסאורסעס, נאטור, אדער סטראקטור פונעם ארבעטסגעבער'ס ביזנעס." **פונדעסטוועגן, קען נישט אן ארבעטסגעבער אפזאגן אן ארבעטער פון דעם רעכט צו פאמפ'ן ברוסט מילך אינעם ארבעטספלאץ צוליב די שוועריגקייט פון נישט געפינען א לאקאציע.**

## ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אוו לעיבאר ריסאורסעס

אויב אן ארבעטער גלייבט אז זיי גייען דורך נקמה פארן פאמפ'ן ברוסט מילך אינעם ארבעטספלאץ, אדער אז זייער ארבעטסגעבער איז אין פארלעצונג פון דעם פאליסי, זאלן זיי זיך פארבינדן מיט דעם ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אוו לעיבאר'ס אפטיילונג פון לעיבאר סטאנדארטן. רופט אונז אויף **1-888-52-LABOR**, אי-מעילט אונז אויף **LSAsk@labor.ny.gov**, אדער באזוכט אונזער וועבזייטל אויף **dol.ny.gov/breast-milk-expression-workplace** אריינצוגעבן א קלאגע.

א ליסטע פון אונזערע אפיסעס איז אווילעבל אויף **dol.ny.gov/location/contact-division-labor-standards**.
*קלאגעס ווערן געהאלטן אין געהיים.*

## פעדעראלע ריסאורסעס

די פעדעראלע PUMP אקט איז אריין אין קראפט אין 2023, אויסצוברייטערן באשיצונגען פאר כמעט אלע ארבעטער וואס פאמפ'ן ברוסט מילך ביים ארבעט. אונטער די PUMP אקט, זענען אלע געדעקטע ארבעטער וואס ווערן נישט צוגעשטעלט מיט פויזעס און גענוג פלאץ פאר ביז צו א יאר נאכ'ן געבורט פון א קינד קענען אייגעבן א קלאגע מיט'ן U.S דעפארטמענט אוו לעיבאר אדער אריינגעבן א פראצעס אנטקעגן זייערע ארבעטסגעבער. פאר מער אינפארמאציע, ביטע באזוכט **dol.gov/agencies/whd/pump-at-work**.